עיקר שכחתי. וואָס דו פֿרעגסט מיך, ווו איך שטיי־אײַן און וואָס איך עס, שרײַב איך דיר, זוגתי היקרה, איך ווייס אַליין ניט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך בין. די שטאָט אַדעס איז אומגעהייער גרויס, און אַלצדינג קאָסט דאָ טײַער, און די הײַזער זײַנען דאָ הויך ביזן הימל, מע דאַרף קלעטערן אויף אײַזערנע טרעפּ אַ האַלבע שעה, ביז מע קומט אַהיים, אַזש אונטערן הימל. און אַ פֿענצטערל איז אַ קליינס, ווי אין טורמע. איך בין זיך מחיה, אַז ס׳ווערט טאָג און איך קאָן מיך אַרויסכאַפּן פֿון דער טורמע אַהין אין גרעצקע אַרײַן, און דאָרטן טאַקע עס איך שטייענדיק, דאָס הייסט, מע כאַפּט־איבער וואָס גאָט גיט. וואָרעם ווער האָט צײַט זיך אַוועקזעצן עסן, אַז מע דאַרף אַלע מינוט געוווירן ווערן די קורסן פֿון בערלין? דערפֿאַר איז דאָ פֿרוכטן בזיל הזול[15]. ווײַנטרויבן עסט מען דאָ נישט ווי בײַ אײַך אין קאַסרילעווקע ראש־השנה אויף שהחיינו — דאָ עסט מען ווײַנטרויבן אַלע טאָג און אין מיטן גאַס, מע שעמט זיך גאָר ניט.

הנ״ל

— IV —

שיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, אַז איך האָב דיך אָנגעקוקט טאַקע נאָר ווי אַ משוגענעם! לאָם[16] איך אַזוי וויסן, אויף אַ פֿולער וואָך ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, פֿון דער שטאָט אַדעס, ווי איך הייב אָפֿילו אָן צו וויסן, וואָס דו פּלאַפּלסט מיר אין דעם בריוו „העס" און „באָס" און „דעלעזשאַנס"[17], דער שוואַרצער יאָר ווייסט אײַך דאָרטן! עס פֿליִען בײַ דיר פּופּציקערס ווי האַלעשקעס[18], עפּעס איז בײַ דיר דאָרטן געלט — שמעלט, הפֿקר ציבעלעס! אַוודאי קאָן מען גיין אין גאָלד בײַ אַזעלכע פּרנסות! איך פֿאַרשטיי ניט, כאַטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה, וואָס מע זעט עס ניט? אַ קאַץ אין אַ זאַק!?... הערסט דו, מענדל? מיר געפֿעלט דאָס ניט. איך בין בײַ מײַן טאַטן נישט געפּרוּווט געוואָרן צו אַזעלכע לופֿטיקע פּרנסות. לאָז מיך גאָט היטן אויף ווײַטער אויך. ווי זאָגט די מאַמע, זאָל לעבן? פֿון לופֿט כאַפּט מען אַ פֿאַרקילונג... דו שרײַבסט: „אַז מע לייגט זיך שלאָפֿן מיט אַ דעלעזשאַנס, שלאָפֿט זיך גאָר בעסער"... ווער לייגט זיך עס שלאָפֿן מיט אַ דעלעזשאַנס? עפּעס מאָדנע דיבורים, טערקיש לשון! און וואָס דו שרײַבסט מיר, אַז דו קאָנסט פֿאַרצוקערן דעם פֿעטער מנשהס וועקסעלעך, איז טאָמער וועל איך אין דעם ניט גלייבן, וועל איך אויך ניט זײַן קיין אַפּיקורסטע, ווי די מאַמע זאָגט: „גלייב נישט ביז דו ציילסט ניט איבער"... ווייסט דו וואָס, מענדל? פֿאָלג מיך, אַ ווײַב, טו אַ שפּײַ אויף דעם אַדעס און קום בעסער צו פֿאָרן אַהיים, קיין קאַסרילעווקע. פֿופֿצן הונדערט קערבלעך האָסט דו, אַ דירה גיט אונדז דער טאַטע, זאָל לעבן, קלייטן פֿאַרדינגען זיך, הײַנט וואָס פֿעלט דיר נאָך? צו וואָס באַדאַרף איך ליגן בײַ יענעם אין מויל און שונאים זאָלן מורמלען, אַז דו האָסט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַדעס און מיך האָסט דו אַוועקגעוואָרפֿן, ניט דערלעבן זאָלסט דו דאָס! דערווײַל מעג נאָך דײַן אַדעס זײַן די כּפּרה פֿאַר אונדזער קאַסרילעווקע מיט אַלע דײַנע הויכע מויערן מיט די אײַזערנע טרעפּ, וואָס מע דאַרף זיך דראַפּען אויף זיי משוגענערווײַז! טאַקע כּדאי צוליב דעם זיך קאַליע

[16] לאָמיר. — [17] (דיליזשאַנס) פּאָסטוואָגן (שיינע־שיינדל צעדרייט אַלע שווערע ווערטער, וואָס מ״מ שרייבט איר). — [18] קליסקעס, גראָבע לאָקשן.

Главное забыл! Ты спрашиваешь, где я остановился и что ем? Так пишу тебе, жена моя, что я и сам не знаю, на каком я свете. Одесса — огромный город, все здесь очень дорого, дома высоченные — до небес, полчаса надо карабкаться по железным лестницам, пока доберешься до своего пристанища под самым небом. Окошечко крошечное, как в тюрьме. Я просто оживаю, когда наступает день и можно вырваться из этой тюрьмы туда, на Греческую. И вот там, на ходу то есть, и перекусишь, что бог пошлет, потому что — кто это может усесться кушать, когда надо поминутно узнавать, каковы курсы в Берлине! Зато фрукты здесь нипочем. Виноград едят, не как у нас в Касриловке в Новый год, только чтобы сотворить молитву над ним, — здесь его едят каждый день, на улице, без всякого стеснения.

*Тот же.*

IV

*Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу*

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, что смотрю я на тебя, как на сумасшедшего! Знать бы мне так твою Одессу, не к ночи будь помянута, как я понимаю, что ты такое болтаешь в твоем письме: «гос», «бес», «дилижанс»... Черт вас там ведает! Летят у тебя полусотенные, как галушки, — там у вас, видать, и деньги не деньги, трын-трава! Конечно, в золоте можно ходить при таких делах! Не понимаю, хоть ты мне голову сними, что это за товар, которого никто не видит? Кот в мешке!..

Слышишь, Мендл, не нравится мне все это! Я у отца своего не приучена к такого рода воздушным заработкам, упаси меня бог от них и в дальнейшем! Как моя мама говорит: «На воздухе и простудиться недолго...» Ты пишешь: «С дилижансом и спится по-другому...» Кто это спит с дилижансом? По-каковски ты говоришь? По-турецки, что ли? А насчет того, что ты пишешь, будто векселя дяди Менаше у тебя с руками оторвут, то, если я в это и не поверю, большого греха не будет. Правильно мать говорит: «Не верь, пока не пересчитаешь...» Знаешь что, Мендл? Послушай меня, жену, — плюнь ты на Одессу и приезжай лучше домой, в Касриловку. Полторы тысячи у тебя есть, квартиру дает нам отец, лавки в аренду сдаются, — чего тебе еще не хватает? Зачем нужно, чтобы люди перемывали мои косточки, чтобы враги болтали, будто ты удрал в Одессу, а меня бросил, — не дожить тебе до этого! Скапутиться за нашу Касриловку может твоя Одесса со всеми твоими домищами с железными лестницами, по которым надо карабкаться, как одурелому! Очень стоит ради этого портить себе желудок!

דאָס לאָנדאָן טוט זיך מיט אַ מאָל אַ רוק, אַז מע דערקענט נישט דאָס פּלאַץ. אָט האָט מען געשמועסט יענע וואָך פֿון דער ענגלישער מלכּה, אַז זי איז עפּעס נישט אין בעסטן געזונט, איז באַלד געפֿאַלן דאָס רוסישע קערבל און סטאַלאַזשן האָבן זיך געגעבן אַ הייב־אויף העכער הייזער! איצט שרײַבן די גאַזעטן, אַז ס'איז איר בעסער, האָט זיך דאָס רוסישע קערבל אויפֿגעהויבן און מע קאָן שוין קויפֿן סטאַלאַזשן וויפֿל מע וויל. הכּלל, זאָלסט גאָר ניט זאָרגן, זוגתי היקרה! עס וועט, אם ירצה השם, זײַן אַלצדינג, ווי מע זאָגט בײַ אונדז אין אַדעס, אין בעסטער אָרדענונג! און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די שפּעטערדיקע בריוו וועל איך דיר אָרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתּה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. און לאָז גריסן די קינדערלעך, זאָלן לעבן, און אַלעמען גאָר פֿריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. בײַ אונדז אין אַדעס זײַנען די היצן אַזוי גרויס, אַז מע ווערט פֿאַרברענט, און בײַ נאַכט ווערט מען צעגאַנגען אַזוי ווי וואַקס. דעריבער, אַז סע קומט פֿאַר נאַכט, ווערט די שטאָט פּוסט. דער עולם צעפֿאָרט זיך אויף די פֿאָנטאַנען, אויפֿן גרויסן פֿאָנטאַן אָדער אויפֿן קליינעם פֿאָנטאַן אָדער גאָר אויפֿן לאַנדזשעראָן [24]. דאָרטן קריגסטו וואָס דו ווילסט, וואָס דײַן האַרץ גלוסט, און קאָנסט זיך באָדן אין ים, און קאָנסט הערן מוזיק, און דווקא אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט!

הנ"ל

— VI —

שיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכּבֿוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר"ר

מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, אַז איך האָב שוין ווידער צו טאָן מיט די ציין, אויף דײַנע אַדעסער דראָנזשיקעס [25] געזאָגט געוואָרן. איך דאַרף זיך רײַסן דאָ אויף די ציין און מוטשען מיט די קינדער זײַנע, און ער — גאָר ניט, לעבט זיך אָפּ, ווי גאָט אין אַדעס, פֿאָרט־אַרום רײַטנדיק אויף דראָנזשיקעס, באָדט זיך אין קאַראַטקי וויק [26] און בלי־זמר שפּילן אים צו. וואָס פֿעלט אים, אַ שטייגער? ווי זאָגט די מאַמע: „רײַטנדיק וואָלט ער געפֿאָרן בײַ מיר אויף אַ בעזעם, ניט אויף קיין דראָנזשיקעס!"... ממה נפֿשך, ביסטו אַ סוחר און האַנדלסט מיט דער שיינער סחורה דאָרטן, וואָס מע רופֿט זי לאָנדאָן, טאָ האָב אין זינען מסחר, ניט די ענגלישע מלכּה. האָב בעסער אין זינען דײַן ווײַב! האָסט אַ ווײַב ביז הונדערט צוואַנציק יאָר מיט קינדערלעך דרײַ, זאָלן געזונט זײַן. ווי זאָגט די מאַמע? „האָב אין זינען זיך, וועסטו פֿאַרגעסן אין יענעם"... און וואָס דו שרײַבסט מיר פֿון דײַנע גליקן, זאָג איך דיר דעם אמת, עס דרייט זיך מיר אוש דער קאָפּ! עס גלייבט זיך מיר עפּעס ניט, כאָטש קוילע מיך, אַז אָט אַזוי פֿליען דאָס הונדערטערס גלײַך אין די הענט אַרײַן! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין כּישוף? דאָרטן, אַ פֿאַרבלענדעניש צי וואָס? זע נאָר, אַז פֿון די אַלע גדולות זאָלסטו חלילה דאָס נדן־געלט נישט אָנרירן, וואָרעם טאָמער ווערט געמינערט אַ גראָשן פֿונעם נדן, וועט דיר דעמאָלט מער נישט אָפּגיין פֿון דער מאַמען, זאָל לעבן!... ער זאָל זיך עס אַפֿילו דערמאָנען! מיר דאַכט, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך באַדאַרף האָבן אַ זײַדן מענטעלע [27] ווי אין לעבן אַרײַן, און וואָלנס אויף אַ קלייד, און אַ צוויי שטיקלעך מאָראָזעווס זאַנע [28]. אַ מינדסטע נאַרישקייט באַדאַרף איך אים אָנזאָגן. אַליין ווייסט ער נעבעך ניט, דער מוח איז אים אויסגעדאַרט געוואָרן, ווי די מאַמע זאָגט: „ווער סע שטויסט זיך ניט אַליין, דעם גיט מען אין זײַט אַרײַן"... ווי עס ווינטשט דיר פֿון טיפֿן האַרצן

выше домов! Теперь в газетах пишут, что королева поправилась, — и русский рубль поднялся в цене, и уже можно покупать «стеллажи», сколько душе угодно. Словом, не беспокойся, дорогая моя, все, бог даст, будет, как у нас в Одессе говорят, «в наилучшем порядке»! Но так как у меня сейчас нет времени, то пишу тебе кратко. Даст бог, в следующем письме я напишу тебе обо всем подробно. Пока дай бог здоровья и удачи. Кланяйся сердечно деткам и всем остальным.

Твой супруг *Менахем-Мендл.*

Главное забыл! У нас в Одессе страшная жара, — изжариться можно, да и по ночам таешь как воск. Поэтому, как только наступает вечер, город пустеет. Народ разъезжается на Фонтаны — на Большой Фонтан или на Малый Фонтан, а то и вовсе на «Ланджерон». Там имеется все, что душе угодно, можно купаться в море, можно слушать музыку — и все это бесплатно, без копейки денег!

*Тот же.*

VI

*Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу*

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, что я уже опять вожусь с зубами, дай бог твоим одесским «дронжикам»! Я здесь лезу на стенку от зубной боли, мучаюсь с его детьми, а ему хоть бы что! Живет себе, как господь бог, в Одессе, катается верхом на «дронжиках», купается в море, и музыка ему подыгрывает. Чего ему еще не хватает? Как моя мама говорит: «На метле бы он у меня верхом разъезжал, а не на дронжиках!» Одно из двух: если ты купец и торгуешь этим замечательным товаром, который называется «Лондон», то думай о торговле, а не об английской королеве. Думай лучше о своей жене. У тебя есть жена — до ста двадцати лет, и трое деток, дай им бог здоровья. Моя мама говорит: «Думай о себе, тогда забудешь о других...» А что касается твоих счастливых дел, то скажу тебе правду, у меня от них голова кругом идет! Не верю, хоть режь меня, что сотни так и летят прямо в руки! Что это, колдовство такое, наваждение, что ли? Смотри, как бы ты на радостях не тронул приданое. Имей в виду, если хоть один грош убудет из приданого, достанется тебе от матери!.. Хоть бы вспомнил! Ведь ты знаешь, что мне до зарезу нужна шелковая мантилья, шерсть на платье, два куска морозовского батиста. Всякую глупость я должна ему напоминать, — сам он, бедняга, ничего не знает, мозги у него высохли. Не зря моя мама говорит: «Кто сам не догадается, того в бок толкают». Как желает тебе от всего сердца

твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл*

מנחם־מענדל פון אָדעס צו זײַן װײַב שײנע־שײנדל אין כּאַסרילעװקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שינע־שינדל שתחיי.

ראשית, באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תּמיד האָרכן אײנס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית, זאָלסטו װיסן, אַז איך האָלט שױן װײַט, הײַנו, איך האָב מיך גוט אַרײַנגעכאַפּט אין בעס אַרײַן און גײ שױן אַצינד מיט פֿעסט־לאַנדאָן, דאָס הײסט, איך טו שױן אַ גיב אָדער אַ נעם מיט אַ מאָל צען טױזנט פֿונט, צװאַנציק טױזנט פֿונט, נאַטירלעך, מיט אַ דעפּאָ [29]. איך האָב שױן גרױס קענטשאַפֿט אין די קאַנטאָרן, און עס קאָמפּעני־רט [30] מיר שױן זיצן בײַ פֿאַנקאָני אין דער קאַפֿיי גלײַך מיט אַלע גרױסע שפּעקולאַנטן [31] בײַ װײַסע טישלעך פֿון מירמל־שטײן, און הײס זיך געבן אַ פּאָרציע מאַראָזשענע [32], מחמת בײַ אונדז אין אָדעס איז אַ מנהג, װי באַלד מע זעצט זיך נאָר אַנידער, אַזױ קומט צו אַ מענטש מיט אַ פֿראַק און הײסט, מע זאָל הײסן געבן מאַראָזשענע. קאָן מען ניט זײַן קײן דבֿר־אַחר און מע מוז הײסן געבן. און אַז מע עסט אױף די פּאָרציע מאַראָזשענע, הײסט ער, מע זאָל הײסן געבן נאָך אַ פּאָרציע. אַז ניט, טאָר מען ניט זיצן און מע באַדאַרף זיך אַרומדרײען אױף דער גאַס. איז עפּעס ניט שײן פֿאַר אַ שפּעקולאַנט און אַגבֿ שטײט דאָרט אַ גאָראָדאָװאָי [33], און לאָקערט, מע זאָל זיך ניט אַרומדרײען אױף דער גאַס... ייִדן באַדאַרפֿן דאָך אָבער זיך יאָ אַרומדרײען, קליגן זײ זיך מיט אים, נאַרן אים אָפּ, אַנטלױפֿן, באַהאַלטן זיך אױס װי װײַט מעגלעך. אַז ער כאַפּט אײנעם, טראָגט ער אים אָפּ, װי אַן אבֿן טובֿ, גלײַך אין אוטשאַסטאָק [34] אַרײַן, װי אײנער רעדט: „אָט האָב איך אײַך געבראַכט אַ ייִדן"... און װאָס דו שרײַבסט מיר, אַז דו גלײבסט ניט אין גרױסע װאַריאַציעס מיט דיפֿערענצן, איז אַ סימן, אַז דו ביסט שװאַך אין פּאָליטיקע. אָט, למשל, זיצט אײנער בײַ אונדז אין קאַפֿיי, בײַ פֿאַנקאָנין, רופֿט מען אים גאַמבעטאַ. טאָג װי נאַכט רעדט ער פֿון פּאָליטיקע און נאָר פֿון פּאָליטיקע! ער באַװײַזט מיט טױזנט ראיות, אַז סע שמעקט מיט מלחמה. ער הערט, זאָגט ער, אַלע נאַכט האַרמאַטן שיסן — ניט דאָ, דאָרטן, בײַ די פֿראַנצױזן. די פֿראַנצױזן, זאָגט ער, װעלן נישט פֿאַרגעסן אָט דעם ביסמאַרקן, װײַל זײ װעלן לעבן! עס מוז, זאָגט ער, אַרױסשפּרינגען אין גיכן אַ מלחמה, עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זײַן! האָרכן גאַמבעטען דרשענען, באַדאַרף מען פֿאַרקױפֿן װאָס מע האָט, די קאַפּאָטע אױסטאָן און קױפֿן סטאַלאַזשן און בעסן, בעסן

[29] דעפּאָזיט. — [30] לױנט. — [31] (חוזק־לשון) שפּעקולאַנטן. — [32] אײַזקרעם. — [33] פּאָליציסט. — [34] פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

— אָן אַ שיעור בעסן! און װאָס דו שרײַבסט מיר מכּוח אַ מענטעלע, אַז איך זאָל דיר קױפֿן, האָב איך פֿון דײַנעט װעגן, זוגתי היקרה, בעסער אױסגעקוקט אַ שענערע זאַך, דהײַנו: אַ זײגערל אַ גילדנס מיט אַ מענדעליאָן [35] און מיט אַ גילדן קײטל מיט אַ בראָש, און בראַנזעליעטן האָב איך געזען אין פֿענצטער, טאַקע ניט װײַט פֿון פֿאַנקאָנין — זאָג איך דיר: פּרימאַ שבפּרימאַ! [36] און מחמת איך האָב קײן צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריװ װעל איך דיר אַרױסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. די שפּע איז דאָ, קײן עין־הרע, גרױס און ייִדן זײַנען דאָ אַזױ פֿאַרטאָן אין פּרנסה, אַז מע פֿאַרגעסט פֿון שבת און פֿון יום־טובֿ. פֿאַרשטײט זיך, אַז בײַ מיר איז שבת — שבת. עס מעגן פֿאַלן שטײנער פֿונעם הימל, מוז איך מיך שבת דורכגײן אין שול אַרײַן. די אָדעסער שול מעג מען גײן אָנקוקן. ערשטנס, רופֿט

VII

*Менахем-Мендл из Одессы — своей жене Шейне-Шейндл в Касриловку*

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она!

Во-первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем получать друг о друге только радостные и утешительные вести. Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно, что я уже далеко пошел, а именно — у меня уже полно «бесов», и я теперь в состоянии дать и взять сразу десять тысяч фунтов, двадцать тысяч фунтов, разумеется, при наличии «депо»... У меня уже крупные знакомства в конторах, и я уже могу себе позволить сидеть у Фанкони в кафе наравне с другими крупными спекулянтами за белыми мраморными столиками и заказывать порцию мороженого, потому что у нас в Одессе такой порядок: чуть присел к столику — к тебе подходит человек во фраке и велит, чтобы приказали подать мороженое. Нельзя же быть свиньей — и поневоле велишь подать. Но не успеешь съесть одну порцию мороженого, как тебе велят потребовать вторую, — иначе тут сидеть нельзя и остается шататься по улице. Дельцу это, конечно, не пристало, да и городовой следит, чтобы на улице зря не околачивались... Но так как людям все-таки нужно быть на улице, то они ловчатся, обманывают городового, прячутся от него как можно дальше... А если он все же поймает кого-нибудь, то тащит его, как драгоценность, прямо в участок: «Вот, мол, я доставил вам еврея...» Ты не веришь в крупные «варьяции» и «диференцы»? Это значит, что ты слаба в политике. Вот, к примеру, сидит у нас в кафе у Фанкони человек, которого прозвали «Гамбетта» *. День и ночь он говорит о политике, и только о политике! Он приводит тысячу доказательств, что пахнет войной. Он слышит, говорит, каждую ночь пушечные выстрелы — не здесь, а у французов. Французы, говорит он, никогда в жизни не простят Бисмарку *. Должна, непременно должна в скором времени вспыхнуть война, иначе и быть не может! Послушать Гамбетту, то нужно продать все, что имеешь, снять с себя последнюю рубаху и покупать «стеллажи» и «бесы» — бесконечное количество!

Ты пишешь мне насчет мантильи... Дорогая моя, я присмотрел для тебя кое-что получше: золотые часики с медальоном и золотой цепочкой, и брошь, и браслеты видел я в окне совсем недалеко от Фанкони... Замечательные вещи! Прима! Но так как я сейчас очень занят, то пишу тебе вкратце. Дай бог, в следующем письме я напишу тебе обо всем подробно. Пока дай бог здоровья и удачи.

Твой супруг *Менахем-Мендл.*

Главное забыл! Сутолока здесь, не сглазить бы, очень велика, и люди так поглощены делами, что забы-

מען דאָס כאָרשול, מחמת אויבן גייט זי מיט אַ קאָלפּעק [37], און קיין מזרח איז ניטאָ. אַלע זיצן מיטן פּנים אַהין. און דער חזן (פּיני הייסט ער, שוין איין מאָל אַ חזן!) גייט דווקא געגאָלט די באָרד. נאָר עבֿרי קען ער אַ ביסל בעסער פֿון אײַער אַלטן דראַנג משה־דוד! זאָלסט זען אַז סע קומט צו „בריך שמיה דמרא עלמא", נעמט ער איין אַ מיתה־משונה! זײַן „מזמור שיר ליום השבת" מעג מען האָרכן אויף בילעטן. אַלע זינגערלעך שטייען אויסגעשטעלט אַרום אים, אָנגעטאָן אין קליינע טליתימלעך — מחיה! ס'זאָל זײַן צוויי מאָל אין וואָך שבת, וואָלט איך צוויי מאָל אין וואָך געגאַנגען הערן פּינין דאַוונען. איך פֿאַרשטיי ניט די היגע ייִדן, פֿאַר וואָס זיי גייען ניט דאַוונען. און אַפֿילו די, וואָס גייען דאַוונען, דאַוונען אויך ניט; זיי זיצן ווי די טאָקן [38] אין די צילינדערס, מיט די פֿעטע אויסגעפּאַשעטע פּנימער, מיט די קליינע טליתימלעך, און — שאַ! טאָמער וויל אַ ייִד אַ דאַוון טאָן אַ ביסל העכער, קומט־צו צו אים דער שמש מיט די קנעפּ און זאָגט, ס'זאָל זײַן שטיל. — מאָדנע ייִדן אין דעם אָדעס!

הנ"ל

— VIII —

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אָדעס

לכבֿוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר"ר

מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס איז די גדולה, וואָס מע דאַרף זיצן בײַ פֿראַנקאָנין. ברענען זאָל זי! בײַ די מירמלשטיינערנע טישלעך פֿרעסן פֿון אין דער פֿרי ביז אויף דער נאַכט דער רוח ווייסט וואָס? אַבי אויסברענגען געלט? און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ משוגענער דאָרטן בײַ אײַך אין אָדעס, וואָס סע חלומט זיך אים, אַז מע שיסט? געשאָסן זאָל ער ווערן פֿון גאָט! מלחמות גלוסט זיך אים! ווי זאָגט די מאַמע? „יענעמס בלוט איז בײַ אים וואַסער"... גילדענע זייגערלעך מיט בראַנזעליעטן האָסטו דערזען אין די פֿענצטער אין אָדעס? אַ גדולה אויף דער באָבע! וואָס טויגן מיר דײַנע מתּנות, מענדל, וואָס דו זעסט זיי דורכן פֿענצטער? ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „קרעפּלעך אין חלום איז ניט קיין קרעפּלעך, נאָר אַ חלום"... דו כאַפּ זיך אַרײַן בעסער אין אַ קלייט

[38] געטאָקסטע, געשניצטע.

אַרײַן און קויף מיר אַ שטיקל וועבל [39] אויף וועש, און מאַדעפּאַלאַן [40] אויף ציכלעך, און אַ פּאָר בײַעגע [41] קאָלדרעס, און אַ ביסל זילבער אין שטוב אַרײַן, און עפּעס נאָך. מאָל דיר, אַז בליומע־זלאַטע באַדאַרף זיך שוין אַקעגן מיר בלאָזן (אויפֿבלאָזן זאָל עס זי, ווי אַ פּאָכיר [42]!). וואָס איז? זי טראָגט אַ האַלדזפּערל? זאָל עס איר טאַקע נאָר פֿאַרשטערט ווערן! זי האָט דאָס אַ דאָליע בײַ איר מאַן! לײַט האָבן גליק צו אַלצדינג; נאָר איך איינע בין עפּעס אין אַזאַ פֿינצטערער, וויסטער שעה געבוירן געוואָרן, אַז אַ מינדסטע זאַך באַדאַרף איך אים דערמאָנען! לאָז זיך דיר דאַכטן, עלעהיי דו האָסט געקויפֿט נאָך אַ העס מיט נאָך אַ באָס, מיט נאָך אַ דער שוואַרץ יאָר ווייסט אײַך דאָרט, ווי דו רופֿסט עס אָן! איך זאָג אים: פֿאַרקויף דאָס, וואָס דו האָסט, און צייל געלט! גייט ער און קויפֿט נאָך! וואָס האָסטו מורא? וועסט ניט קריגן די סחורה נאָך דעם? איך זע שוין אַרויס, וואָס דאָס איז פֿאַר מסחרים און וואָס דאָס איז פֿאַר אַ שטאָט אָדעס, אַז שבת איז קיין שבת ניט און יום־טובֿ איז קיין יום־טובֿ ניט, און דער חזן איז מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, מײַנע וויטיקן אויף זײַן קאָפּ! מיר דאַכט, אַז פֿון אַזאַ שטאָט און פֿון אַזעלכע מענטשן דאַרף

вают о субботе и о празднике. Для меня, конечно, суббота — это суббота! Хоть бы камни с неба валились, я в субботу непременно иду в синагогу. Одесскую синагогу стоит посмотреть! Во-первых, она называется «хоральной», потому что потолок у нее колпаком, а особой восточной стены там нет *. Все сидят лицом к востоку. А кантор * (его зовут Пине; ну и кантор!) хоть и бреет бороду *, но молитвы знает получше вашего старого верзилы Мойше-Довида! Ты бы видела, что он вытворяет, когда доходит до молитвы «Да будет благословенно имя владыки вселенной!». «Хвалебную песнь субботе» можно по билетам слушать! Вокруг кантора стоят певчие в маленьких талесах * — красота! Если бы суббота была дважды в неделю, я бы дважды в неделю ходил слушать Пине. Не понимаю я здешних евреев, почему они не ходят молиться? И даже те, что ходят, не молятся. Сидят, как намалеванные, в цилиндрах, с жирными холеными рожами, в маленьких талесах и молчат. А если кому-нибудь захочется помолиться чуть погромче, к нему подходит служка с пуговицами и говорит, чтоб тихо было. Странные в Одессе евреи!

*Тот же.*

VIII

*Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу*

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, дорогой мой муж, что я не понимаю, с какой такой радости надо сидеть у Фанкони — сгореть бы ей! — за мраморным столиком и жрать с утра до ночи черт знает что! Лишь бы деньги тратить? И что это у вас там, в Одессе, за сумасшедший, которому снится, что стреляют, чтоб его самого застрелило! Войны ему захотелось! Как моя мама говорит: «Чужая кровь что вода!» Золотые часики с браслетами ты увидал в одесских магазинах? Нашел, чему радоваться! Что мне, Мендл, от твоих подарков, которые ты видишь за стеклом? Моя мама говорит: «Вареники во сне — это не вареники, а только сон...» Ты лучше зайди в магазин и купи мне кусок полотна на белье, и мадаполаму на наволочки, и пару байковых одеял, и немного серебра для дома, и еще кое-чего. Представь себе, даже Блюма-Злата — чтоб ее пузырем раздуло! — и та уже куражится передо мной. Почему? Она, видишь ли, носит нитку жемчуга, чтоб ее задушило! Вот кому доля замужем! Людям везет во всем. Одна я родилась в такой злополучный час, что должна каждую мелочь мужу напоминать! Пусть тебе кажется, что ты купил еще один «гос», или «бес», или черт его знает, как это там у вас называется! Я говорю ему: продай, что имеешь, и сосчитай деньги, а он покупает еще! Чего ты боишься? Не достанешь потом этого товара? Я уже понимаю, что это за торговля и что за город твоя Одесса, когда суббота —

מען לויפֿן ,ווי פֿון אַן עיפּוש. צום סוף ליגט ער דאָרט און וויל ניט אַרויסקריכן. ווי זאָגט די מאַמע? „דער וואָרעם ליגט אין כריין און מיינט, אַז ס׳איז גאָר קיין זיסערס נישטאָ“... לכן שרײַב איך דיר, בעלי היקר, זאָלסט זיך גוט באַרעכענען וואָס דו טוסט און אויפֿהערן הוליען אין דעם זיסן אַדעס. ס׳זאָל אויף דעם קומען אַ שריפֿה, ווי עס ווינטשט דיר

דײַן באמת געטרײַע פֿרוי שײנע־שײנדל

יאָ! זאָג נאָר, מענדל, ווער איז אָט די פֿראַנקאָני, וואָס דו שרײַבסט מיר אַלץ, אַז איר זיצט דאָרטן טאָג ווי נאַכט? ס׳איז אַן ער צי אַ זי?...

[39] געהעב. — [40] חייסצייג. — [41] וואַסענער שטאָף. — [42] פּוכיר, געשווי־לעכץ, אָנגעבלאָזן אָרט אויפֿן לײַב.

не суббота, и праздник — не праздник, и кантор ходит с бритой мордой, — мои бы болячки на его голову! Мне кажется, из такого города и от таких людей бежать надо, как от поганой ямы, а он там завяз и вылезать не хочет. Как моя мама говорит: «Забрался червяк в хрен и думает, что слаще ничего и нету...» Поэтому и пишу тебе, дорогой мой муж, подумай хорошенько, что ты делаешь, и перестань проводить время в замечательной твоей Одессе, — пусть она сгорит, — как желает тебе

твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл.*

Да! Скажи мне, Мендл, вот эта «Фанкони», о которой ты пишешь, что вы там просиживаете дни и ночи, — кто это такая, это «он» или «она»?..

— IX —

**מנחם־מענדל פֿון אַדעס צו זײַן װײַב שײנע־שײנדל אין כּאַסרילעװקע**

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שײנע־שײנדל שתחי׳.

ראשית, באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תּמיד הערן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית, זײַ וויסן, אַז עס שמעקט שוין מיט גראָבע טויזנטער! אַז גאָט וועט העלפֿן און דאָס אולטימאָ וועט אָפּלויפֿן גלאַט, וועל איך מאַכן אַ הויפּטטרעפֿער. איך וועל אײַנקאַסירן מײַנע אַלע דיפֿערענצן און וועל זיך דורכפֿאָרן אַהיים און וועל דיך, אם ירצה השם, אַרויסנעמען אַהער, קיין אַדעס. אַ דירה וועלן מיר דינגען אויף דער רישעליי [43], אײַנקויפֿן שיין מעבל און וועלן לעבן, ווי מע לעבט דאָ בײַ אונדז אין אַדעס. דערווײַל האָב איך צו טאָן, ניט פֿאַר דיר געדאַכט, מיטן מאָגן; אַ פּנים, דאָס מאָראָזשענע האָט מיר פֿאַרשאַדט... אַז איך קום צו פֿאַנקאָנין, עס איך שוין ניט קיין מאָראָזשענע. וואָס דען? איך הייס מיר געבן אַזאַ געטראַנק, וואָס מע ציט דאָס דורך אַ שטרוי; ס׳איז אי זיס, אי ביטערלעך, אַזוי ווי אַ מין סאָלץ מיט לאַקריץ [44], און מע קאָן דאָס מער ניט פֿאַרדײַען ווי צוויי, העכסטנס — דרײַ גלעזער. מוז מען זיך די איבעריקע צײַט אַרומדרייען אויף דער גאַס און האָבן צו טאָן מיט דעם גאָראָדאָוואָי, און דאָס איז זייער נישט אײַנגענעם! ער קוקט שוין אויף מיר פֿון אַ צײַט, נאָר מיט חסד, גאָט האָט מיך ביז אַהער אויסגעפּירט. איך אַנטלויף פֿון אים אַלע מאָל [45] און באַהאַלט זיך אויס. וואָס טוט דען ניט אַ ייִד צוליב פּרנסה? דער אייבערשטער זאָל העלפֿן, אַז די ראַליזאַציע [46] זאָל אָפּלויפֿן בשלום,

[43] אַן אָדעסער הויפּטגאַס. — [44] זיסקייט וואָס גודיעס. — [45] פֿון וועמען אַנטלויפֿסט ערז פֿון פּאָליציסטז פֿון גאַסז. — [46] פֿאַרקויף, ליקווידאַציע.

וועל איך דיר, אם ירצה השם, אַלצדינג קויפֿן בכּפֿל־כּפֿלים, אַ סך מער ווי דו קאָנסט זיך גאָר פֿאָרשטעלן. און וואָס דו זאָגסט, אַז דער גאַמבעטע איז אַ משוגענער, האָסט דו אַ טעות; ער איז נאָר אַ ביסל אַ ספּילשלעוועך [47]. גאָט זאָל היטן, עמעצער זאָל אים אַ זאָג טאָן אין פּאָליטיקע ניט אַזוי ווי ער וויל! ער איז דעמאָלט קאַפּאַבל [48] יענעם צערײַסן אויף שטיקלעך! ער דרינגט, אַז הײַנט־מאָרגן מוז עפּעס אַרויסשפּרינגען. און דאָס, זאָגט ער, וואָס ס׳איז איצטער מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן, איז ערשט אַ באַווײַז, זאָגט ער, אויף מלחמה. „פֿאַר אַ בורע [49] איז תּמיד, זאָגט ער, שטיל“... איך האָב נעכטן געקאָנט פֿאַרקויפֿן עטלעכע בעסלעך מיט אַ צוויי־דרײַ סטאַלאַזשן און פֿאַרדינען שיין געלט, האָט מיך גאַמבעטע נישט דערלאָזט. „איך וועל אײַך — זאָגט ער — דעם קאָפּ צעשלאָגן, טאָמער לאָזט איר אַרויס אין אַזאַ צײַט אַ שטיקל סחורה פֿון דער האַנט!“ עס גייט — זאָגט ער

IX

*Менахем Мендл из Одессы — своей жене Шейне Шейндл в Касриловку*

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она!

Во-первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем иметь друг о друге только радостные и утешительные вести. Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно, что пахнет уже крупными тысячами! Если бог даст и «ультимо» пройдет благополучно, то в моих руках главный выигрыш! Закассирую все свои «диференцы», съезжу домой и возьму тебя, с божьей помощью, сюда, в Одессу. Квартиру снимем на «Ришелье», купим хорошую мебель и заживем так, как живут у нас в Одессе. Но пока я, не про тебя будь сказано, вожусь с желудком: видно, мороженое мне повредило... Теперь, когда прихожу к Фанкони, я мороженого не ем. Я велю подать себе напиток, который тянут через соломинку. Это и сладко и горьковато, вроде лакричного порошка с солью... Больше двух, в крайнем случае — трех стаканов этого напитка одолеть невозможно. А все остальное время приходится таскаться по улице и иметь дело с городовым. А это очень неприятно! Уж он давно ко мне присматривается, но до сих пор господь бог миловал: я каждый раз удираю от него и прячусь. Чего не делают ради заработка! Только бы реализация прошла благополучно, — тогда я, с божьей помощью, куплю тебе все, что пожелаешь, и гораздо больше, чем ты можешь себе представить. А насчет Гамбетты ты ошибаешься: вовсе он не сумасшедший, он только малость вспыльчив. Упаси бог сказать ему что-нибудь о политике не так, как ему нравится! Он готов разорвать человека на куски! Он утверждает, что не сегодня-завтра обязательно должно что-то случиться. А то, что сейчас вдруг тихо стало, говорит он, лишний раз доказывает, что война на носу. «Перед бурей, — говорит он, — всегда бывает тихо...» Вчера я мог продать несколько «бесиков» и два-три «стеллажа» и прилично заработать, но Гамбетта не дал мне этого сделать. «Я, говорит, вам голову оторву, если вы в такое время выпустите из рук товар! Наступает такая пора, — говорит он, — когда полусо-

— אַ צײַט, וואָס אַ סטאַלאַזש פֿון אַ פּופּציקער וועט ווערט זײַן רי״ש קאַרבן, און שי״ן, און ת״ק, און טויזנט, און פֿאַר וואָס ניט קיין צוויי טויזנט?... עס זאָל זײַן ווי גאַמבעטע זאָגט, כאָטש האַלב ווי ער זאָגט — ווער איך נתעשר! איך האָף, אַז איך וועל, אים ירצה השם, תיכּף נאָך דער ראַליזאַציע זיך געבן אַ קער־איבער צוריק אויפֿן האָס און וועל אָנהייבן קויפֿן קערבלעך און געבן לאָנדאָן אויף וואָס די וועלט שטייט! איך וועל זיי באַווײַזן, וואָס הייסט לאָנדאָן און וואָס הייסט קערבלעך! און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. וואָס דו פֿרעגסט זיך נאָך אויף פֿאַנקאָנין (ניט ווי דו רופֿסט דאָס אָן „פֿראַנקאָני״), איז דאָס ניט קיין ער און ניט קיין

47 ווספּילמשיווער, היציקער. — 48 סעיק, בכוח. — 49 (רוסי) שטורעם.

זי. ס׳איז אַזאַ קאַפֿיי, וואָס מע טרינקט דאָרט קאַווע און מע עסט מאָראָזשענע, און מע מאַכט געשעפֿטן אויף לאָנדאָן. לאָם איך דאָס פֿאַרמאָגן כאָטש האַלב, וואָס דאָרט ווערט געמאַכט אין איין טאָג!

הנ״ל

— X —

שיינע־שיינדל פון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר

מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

